NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01376

NOENT FUN VAYTNS

Mendel Mann

Permanent preservation of this book was made possible
by Barnett & Selma Zumoff
in memory of
their parents, Benjamin & Lillian Silver and Abraham & Stella Zumoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאָענט פֿון ווייטנס

פֿאַר אונדזערע קינדער

באַרבעט: מ. מאַן

„קינדער־פֿריינד", וואַרשע 1935
באַנד I.

Printed in Poland

הילע געצייכנט פון
הירש אַלטמאַן

NOENT FUN WAJTNS
„Kinder Frajnd", (dodatek „B")
W a r s z a w a 1 9 3 5
געזעצט ביי ה. גלאנק, ווארשע, מלאווסקע 4
— Druk. „Kairo", Warszawa —

א גאנצן ווינטער האבן די קינדער געקליבן געלט.

— אָט, אַז פרילינג וועט קומען, וועלן מיר שויז וויסן, וואָס צו קויפן.

עס איז געקומען פרילינג, האָבן די קינדער אויף אַ פאַרזאַמלונג באַשלאָסן: קויפן אַ גרויסע פוסבאָל־פילקע.

— אָבער ווי אַזוי ועסטו קויפן, איך בעט דיך? — זאָגט אַ קליינער יינגל, — אונדזער שטעטל איז אַ קליינס, אין די קראָמען פאַרקויפט מען נישט קיין פוסבאָל־פילקעס. אָט, אַז מען זאָל אַ פאָר טון קיין וואַרשע, דאָרט איז עפּעס אַנדערש. אָבער ס'איז ווייט... ווי ווייט איז ביז וואַרשע?

קיין וואַרשע פאָרן איז קיינער נישט אײַנשטימיק.

— וואָרום טאַקע — זאָגט אַ קליין מיידל, — אַ גאַנצן ווינטער געקליבן געלט, און איצט... מ'וועט אויסגעבן אויף אַ בילעט און מ'וועט גאָרנישט קויפן.

איז געוואָרן אַ טומל. פון ווינקל האט פּיוּוקע זיך אַ לאָז געטון צום טיש.

— שאַ, וואס שרייט מען אזוי?... איך האב אַ פאָרשלאַג. געוויס איז ביז וואַרשע ווייט, אָבער צום בריווקאַסטן איז נאָענט, אהאַ, נאָענט? לאָמיר אָנשרייבן אַ בריוו קיין וואַרשע אין אַן ארבעטער־קאָאָפּעראַטיוו, אַז מ'זאָל אונז צושיקן אַ פוסבאָל־פילקע.

— יאָ, ריכטיק, ריכטיק! — אַזוי שרייען אַלע און זענען איינשטימיק מיט פּיוּוקען.

דעם בריוו האט מען אָנגעשריבן: „שיקט א גרויסע פּילקע. געלט וועלן מיר אײַנצאָלן, ווען מיר וועלן די פּילקע באַקומען״. מען האט אָנגעקלעפּט א מאַרקע פאַר 25 גראָשן. דעם בריוו האט מען אַרײַנגעוואָרפן אין א בריוו־קעסטל.

— איצט, — האָבן די קינדער געזאָגט, — וועלן מיר וואַרטן אויף דער פּילקע. דער בריוו זאָל נאָר נישט פאַרפאַלן ווערן.

אין בריוו־קעסטל איז דער בריוו נישט לאַנג געלעגן. עס איז געקומען א מענטש מיט א זעקל, האט אַרויסגענומען די בריוו דורכן דעק פון קעסטל און איז אוועק ווייטער. אזוי איז ער דאָס גאַנצע שטעטל דורכגעגאַנגען און פון אַלע בריוו־קעסטלעך די בריוו אַרויסגענומען.

אין פּאָסט האט דער מענטש די בריוו אויף א טיש אויסגעשאָטן — האט זיך באַקומען א גרויסע קופּע בריוו. די בריוו זענען געווען אַדרעסירט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. נאָכדעם האט מען די בריוו געשטעמפּלט, פונאַנדערגעסאָרטירט אין באַזונדערע זעקלעך. די בריוו, וואס קיין ווארשע — אין איין זעקל, די וואס קיין ווילנע, — אין א צווייטן. אז די בריוו זענען געווען צעסאָרטירט אין די זעקלעך, האט מען די זעקלעך פאַרבונדן. פאַרנאַכט איז געקומען א פּאָסט־וואָגן און אוועקגעפירט די זעקלעך צו דער באַן. דאָרט האט מען אַרײַנגעלייגט די זעקלעך אין א ספּעציעלן וואַגאָן.

דער לאָקאָמאָטיוו האט א פייף געטון, די רעדער האָבן זיך גערירט, און דער צוג האט די בריוו אוועקגעפירט קייז ווארשע.

קיין ווארשע איז דער צוג געקומען אינדערפרי. אויפן וואָקזאַל האט שוין געווארט א פּאָסט־אויטאָמאָביל. די בריוו האט מען ארייגעלייגט אין אויטאָמאָביל און מע׳ האט זיי אוועקגעפירט צום ווארשעווער פּאָסט־אמט.

אין פּאָסט־אמט האט מען שנעל פונאנדערגענומען די בריוו און צעטיילט די בריוו־טרעגער. די בריווטרעגער האבן די בריוו ארייגעלייגט אין זייערע לעדערנע רענצלעך און זענען אוועק איבער דער שטאָט צעטראָגן די בריוו. דער בריוו, וואס די קינדער פון שטעטל האבן געשריבן, איז אויך ארייגעפאלן צו א בריווטרעגער. דער בריווטרעגער האט דעם בריוו איבערגעגעבן אין ארבעטער־קאָאָפּעראַטיוו.

דער פאַרוואַלטער האט גענומען דעם בריוו, איבערגעלייענט און געזאָגט:

— דאָ איז אָנגעקומען א בריוו פון א שטעטל. די קינדער בעטן א פוסבאָל־פּילקע ארויסשיקן. אָט נעמט פון דער פּאָליצע א גרויסע פּילקע, פּאַקט איין אין א קעסטל און שיקט היינט אוועק. די יאַטן מוזן שוין געוויס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם.

און די קינדער אין שטעטל זיצן טאקע און וואַרטן:

— זאָל וואס גיכער די פּילקע אָנקומען.

דערווייל, ווי זיי זיצן אזוי, קומט צו גיין א יאַטל, וואס מען האט אים די לעצטע טעג נישט געזעען, ער גייט און הינקט אונטער.

— וואס איז מיט דיר, מענדל? וואס הינקסטו?

— ס'איז שוין נאָרנישט... איך האב געשפּילט אין פוסבאָל און דעם פוס אויסגעלינקען. עס טוט זייער ווי — א גאַנצע וואָך געלעגן אין בעט. מער שפּיל איך נישט אין פוסבאָל... פע... א שלעכטע שפּיל.

— זע... און מיר האבן גראָד א פּילקע פון ווארשע אויסגעשריבן.

— האָט איר טאַקע געטון א נאַרישקייט. זאָגט זיך אָפּ פון דעם, ווי לאַנג ס'איז נישט שפּעט.

— ווי אַזוי זיך אָפּזאָגן, אַז מיר האָבן שוין אַ בריוו אַוועקגעשיקט?

— וואָס דאַרפט איר גאָר ריידן? גיט אַ קוק אויף מיין פוס... איר זעט? אַלץ צוליב אַ פּילקע. מען קאָן בלייבן אָן פיס. אָט, ווען מען שרייט אויס א נייעם פויק, אָ! דאָס וואָלט געווען אַ זאַך. אונדזערע איז שוין אַלט און מען קאָן שוין גאָרנישט פּייקלען.

— דאָס איז ריכטיק, — זאָגן אַלע, — אַ נייער פּויק איז א גוטע זאַך. אָבער ווי אַזוי קריגט מען אים? ביז וואַרשע איז ווייט. אָנזאָגן קאָן מען שוין נישט.

— ווייט נישט ווייט, — האָט זיך אַריינגעמישט פּייווקע, — וואָס איז דאָ צו קלערן? אָט לאָמיר צולויפן

אין טעלעגראַף און שיקן אַ טעלעגראַמע אין קראָם, אַז מיר דאַרפֿן נישט קיין פּילקע — אַ פּויק דאַרפֿן מיר.

די קינדער זענען אַוועקגעלאָפֿן צום טעלעגראַף. געקומען אין טעלעגראַף, פֿרעגן עטלעכע:

— אַ טעלעגראַמע קיין וואַרשע קאָן מען שיקן?

— פֿאַרוואָס נישט? מען קאָן. אַן אַדרעס האָט איר?

אַן אַדרעס איז דאָ.

— שרייבט. היינט נאָכמיטאָג וועט די טעלע־גראַמע אַהין אָנקומען.

אויף פּאַפּיר האָט מען אָנגעשריבן: וואַרשע, אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו. פּילקע דאַרף מען נישט. שיקט פּויק.

די טעלעגראַמע האָט מען איבערגעגעבן דורכן פֿענצטערל, באַצאָלט איין גילדן מיט 50 גראָשן און פּאַרטיק.

דער טעלעגראַפֿיסט האָט גענומען די טעלעגראַמע, איבערגעלייענט זי און גענומען יעדעס וואָרט אויס. קלאַפּן אויפֿן אַפּאַראַט. די טעלעגראַמע איז אַוועק דורך די דראָטן: „פּילקע דאַרפֿן מיר נישט. שיקט פּויק".

באַלד האָט אויפֿן וואַרשעווער טעלעגראַף גענומען קלאַפּן דער אַפּאַראַט. דער טעלעגראַפֿיסט איז צוגעגאַנ־גען און איבערגעלייענט: „פּילקע דאַרפֿן מיר נישט. שיקן פּויק".



דער טעלעגראַפיסט האָט אַ טראַכט געטון: וואָס
פאַר אַ פּייקלער האָבן זיך עס איינגעפונען, וואָס זיי
פאָדערן אַ פּויק דורכן טעלעגראַף? ער האָט אָבער
איבערגעשריבן די טעלעגראַמע אויף אַ פּאַפּיר און
איבערגעגעבן דעם טעלעגראַמען־טרעגער. דער טע־
לעגראַמען־טרעגער האָט אַריינגעלייגט די טעלעגראַמע
אין אַ לעדערנער טעקע, זיך געזעצט אויף אַ ראָווער און
צוועקגעפירט די טעלעגראַמע אין דעם אַרבעטער־
קאָאָפּעראַטיוו.

דער פּאַרוואַלטער האָט איבערגעלייענט און אָנגעזאָגט:

— האַלט אָפּ דאָס קעסטל מיט דער פּילקע. אַ טעלעגראַמע איז אָנגעקומען. אָנשטאָט אַ פּילקע ווילן זיי אַ פּויק.

דערווייל איז צו די קינדער געקומען דער לערער.

— נו, וואָס האָט איר באַשלאָסן צו קויפן?

ענטפערן אַלע:

— צום אָנהויב האָבן מיר באַשלאָסן קויפן אַ פּילקע, און איצט אַ פּויק. אונזער פּויק איז שוין אַלט, די פעל האָט זיך אויסגעריבן.

דער לערער האָט זיך צעלאַכט:

— אַ פיינע געשיכטע!... אוו איך האָב אייך אַ נייע פעל פאַרן פּויק געבראַכט.

און ער נעמט פון קעשענע אַרויס די פעל.

אַלע האָבן זיך פאַרלאָרן. וואָס טוט מען איצט?

דער לערער האָט אַ טראַכט געטון און געזאָגט:

— איר וואָלט געדאַרפט אַ ראַדיאָ אויסשרייבן. איצט איז ביי אַלעמען דאָ ראַדיאָ. דורך ראַדיאָ קאָן מען הערן, וואָס מען רעדט אין וואַרשע.

אַלע האָבן זיך אָנגעקוקט.

— ווי איז עס אונדז פריער נישט איינגעפאַלן? אַלע האָבן איצט ראַדיאָ. מ׳קאָן דאָך הערן פון וואַרשע.

— געוויס, — זאָגט אַ צווייטער, — וואָס קאָן זיין בעסער פון אַ ראַדיאָ?

— אָבער וואָס זאָל מען איצט טון? מיר האָבן דאָך געשיקט אַ טעלעגראַמע אויף אַ פויה. קען זיין, מען האָט אים שוין אַרויסגעשיקט?

— ס׳מאַכט נישט אויס, — זאָגט דער לערער, — מ׳קאָן אַ טעלעגראַמע איבעריאָגן. ווער איז פאַר אַ ראַדיאָ?

— אַלע.

זענען אַלע אַוועקגעלאָפן צו דער טעלעפאָן-סטאַציע.

— קאָן מען רעדן מיט וואַרשע דורכן טעלעפאָן? זייער אַ וויכטיקער שמועס.

און מיט וועמען וועט איר רעדן? — פרעגט מען זיי.

— מיט דעם אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו.

— מ׳קאָן. נעמט דאָס טרייבל. מיר פאַרייניקן אייך מיט וואַרשע.

די קינדער זענען צוגעגאַנגען צום טרייבל.

פריער האָט מען זיך אַביסל געקריגט, ווער עס זאָל רעדן. ענדלעך האָט מען באַשלאָסן, אַז פּיוּוקע זאָל רעדן. פּיוּוקע האָט גענומען דאָס טרייבל און צוגעלייגט צום אויער.

ווי נאָר מען האָט פאַרייניקט מיט וואַרשע, האָט זיך אויף דער וואַרשעווער צענטראַלער טעלעפאָן-סטאַציע

אָנגעצונדען אַ לעמפּל. די טעלעפאָניסטין נעמט דאָס טרייבל און פרעגט:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

פּיוּוקע ענטפערט:

— פאַרייניקט מיטן ארבעטער-קאָאָפּעראַטיוו.

די טעלעגראַפיסטין האָט געענטפערט נאָר איין וואָרט:

— פאַרטיק.

ווי נאָר די טעלע-גראַפיסטין האָט גע-זאָגט „פאַרטיק", האָט אין אַרבעטער-קאָאָפּע-ראַטיוו גענומען קלינ-גען דאָס גלעקל פון טעלעפאָן. דער פאַר-וואַלטער האָט גענומען דאָס טרייבל און גע-פרעגט:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

פּיוּוקע האָט גע-ענטפערט:

— מיר האָבן בײַ אייך אַ פּילקע אויסגעשריבן און דערנאָך טעלעגראַ-פירט.

— כ'ווייס.

— האָבן מיר געבעטן אַ פּויק אַרויסשיקן.

— ריכטיק. מירן באַלד אַרויסשיקן.

— ניין, שיקט נישט. שיקט אונז אַרויס אַ ראַדיאָ מיט אַלע נויטיקע געצייגן.

— טפו זאלט איר ווערן, — זאָגט דער פאַרוואַל־טער — נאָך לאַנג וועט איר אַלע ווײלע בייטן?

— מער נישט.

— נו גוט. באַלד שיקן מיר אַרויס אַ ראַדיאָ.

דער פאַרוואַלטער האָט געהייסן דעם פויק פון קעסטעלע אַרויסנעמען און אַ ראַדיאָ אַריינלייגן.

דאָס קעסטל מיטן ראַדיאָ האָט מען אוועקגעטראָגן אין פּאָסט. דאָרט האָט מען אַ סאַך קעסטלעך אַריינגע־לייגט אין אַ לאַסט־אויטאָמאָביל און אוועקגעפירט צום צוג. אין צוג איז ווידער געווען אַ פּאָסט־וואַגאָן און אין אים האָט מען פאָרזיכטיק דאָס קעסטל מיטן ראַדיאָ אַריינגעלייגט, ווייל פון אויבן איז געווען אָנגעשריבן „פאָרזיכטיק".

נאָכדעם האָט מען דעם וואַגאָן פאַרשלאָסן, פאַר־זיגלט מיט אַ פּלאָמבע. דער צוג מיטן קעסטל איז אַוועק צום שטעטל.

פון פּאָסט האָט מען געבראַכט אַ מעלדונג צו די קינדער, אַז אויף זייער נאָמען איז אָנגעקומען אַ פּאַקעט. איז מען געלאָפן שנעל צו דער פּאָסט. געקומען, ווייזן זיי דעם אָנזאָג.

— ריכטיק. אָנגעקומען אַ פּאַקעט, נאָר איר דאַרפט פריער באַצאָלן פאַר אים.

— געלט האָבן מיר.

— און אונטערשרייבן זיך דאַרף מען אויך.

— דאָס קאָנען מיר אויך.

— איז, אָט האָט איר דעם פּאַקעט.

מען האָט זיי אַרויסגעגעבן דעם פּאַקעט.

זיי זענען אין איילעניש געלאָפן אין קלוב. פון ווייטן האָבן זיי געשריען:

— באַקומען דעם ראַדיאָ. שטעלט העכער די אַנטענע!

האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט אויפגעפּאַקט דאָס וואַרשעווער פּעקל און אַרויסגענומען אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען. די מיידלעך האָבן זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַרום דעם שיינעם קעסטעלע און אָנגעהויבן באַוווּנדערן:

— ווי שיין דאָס איז!

— ווי עס גלאַנצט!

— און זע נאָר, די שוואַרצינקע שרייפעלעך!

— און דאָס — אַ טרייבל צו די אויערן!

די יינגלעך ווידער האָבן אַ כאַפּ געטון דאָס בינטל גלאַנציקע דראָט, אויפגעזוכט אַ העמערל, טשוועקלעך, אַ צווענגל, איינער האָט געבּרענגט צו שלעפּן צוויי לאַנגע דרענגלעך, און מען איז אַרויס אויפשטעלן די אַנטענע. אָבער ווי קריכט מען אויפן דאַך אַרויף?

פּיוּוקע לויפט ערגעץ אַוועק און קומט באַלד מיט אַ הויכן לייטער. איז שוין גוט. אַ יינגל איז אַרויף אויפן דאַך, צוגעקלאַפּט דאָס דרענגל צום קוימען און אויפן דרענגל צוגעבונדן די דראָטן מיט די פּאָרצעלייענע קיי־קעלעך.

איצט מוז מען דעם עק פון דראָט צוקלאַפּן צו אַ צווייטן דרענגל און דאָס דרענגל אויפשטעלן ערגעץ־ווו. אָבער ווו? קיין צווייטער דאַך איז דאָ נישט געווען. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן. און זע — פייוועקע קריכט שוין אויף אַ בוים, קלאַפּט צו דאָס צווייטע דרענגל, ציט אָן די דראָטן און גיט אַ געשריי:

— פּאַרטיק!

פּאַרטיק איז פּאַרטיק. האָט מען אַראָפּגעצויגן אַ דראָט פון דער אַנטענע דורכן פענצטער אין קלוב אַריין און דער ראַדיאָ איז שוין איינגעאָרדנט. האָבן זיך די קינדער אַוועקגעזעצט אַרום טיש. איינער האָט אָנגעטון די טרייבלעך און געזאָגט:

איצטער רעדט וואַרשע!

אַלע האָבן צוגעלייגט אַן אויער. ס'איז געווען אַ שיינער קאָנצערט. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט, אַ זינגערין האָט געזונגען.

אַלע האָבן זיך ביי די טרייבלעך אויסגעשטעלט און געהערט לויט דער ריי. האָט איינער אויסגערופן: איצט רעדט ווילנע!

אַלע האָבן געהערט אַלץ מיט אינטערעס.

עס איז אָנגעקומען די ריי אויף פייוועקען. ער האָט געהערט און געזאָגט:

— אָט וואָס עס הייסט ראַדיאָ: ביז וואַרשע און וויל־

נע א׳ז אזוי ווייט און מען הערט אַל־צדינג. אָטוואָס ראַדיאָ איז... פון ווייט מאַכט ער נאָענט!

פון יענעם טאָג אָן האָט מען אים גערופן: „נאָענט פון ווייטנס".